ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# שלח

אידיש

**537**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שבעה ושלשים

• שלח •

אין דעם פרק ווערט ערקלערט, די מעלה פון שלום, און די שאַנד פון מחלוקת.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון זיבן און דרייסיגסטער פרק


א. די מעלה פון שלום, וואָס איז מרומז אין די אותיות.......ג

ב. די מעלה פון שלום, וואָס איז מרומז אין עֶשָׂוִיס נאָמען.......ד

ג. נאָך רמזים אין די אותיות פון שלום.......ד

ד. אַ סאַך מאמרים און אויסטייטשן אויף "גדול השלום".......ח

ה. נאָך מאמרי חז"ל וועגן די וויכטיגקייט פון שלום.......ז

ו. דער מענטש וואָס האָט ליב שלום, איז אַ מעביר על מידותיו. ער האָט נישט קיין קנאה און כעס, און רעדט נישט לשון הרע.......ט

ז. שלום ברענגט לעבן און מחלוקת ברענגט טויט ח"ו – אַ סאַך ראיות דערויף.......יא

ח. דעם גרויסן חסרון פון מחלוקת קען מען זען פון דעם וואָס דער מָן האָט נישט אַראָפּגעניִדערט ביי די מחלוקת פון קרח.......יב

ט. אַסאַך ראשי תיבות פון דעם וואָרט "שלום".......יב

י. די מעלה פון שלום, אַז לעתיד לבוא וועלן די בעלי חיים וואָס שעדיגן מאַכן שלום צווישן זיך און וועלן נישט אָנטוהן אַ שאָדן איינער פאַרן אַנדערן.......יג

יא. דער גרויסער זאָל זאָרגן פאַרן פרידן פונעם קליינעם, און זאָל זיך אָפּלערנען פונעם אויבערשטן כביכול, וואָס מאַכט רוען זיין שכינה אויף די אונטערשטע וועלט.......יד

יב. אין דער צייט פון דער מלחמה קעגן סיחון, האָט משה רבינו עליו השלום אָנגעהויבן מיט רייד פון פרידן צו אים, און דער אויבערשטער האָט מסכים געווען צו דעם.......טו

יג. דער אויבערשטער באַשעפטיגט זיך מיט דעם פרידן פון די אידן.......טז

יד. נאָך מאמרים אויף "גדול השלום".......טז

טו. די מידה פון אהרן – וואָס ער האָט נאָכגעיאָגט שלום צו ברענגען פרידן צווישן מענטשן.......יז

טז. נאָך מאמרי חז"ל וועגן די מעלות פון שלום צווישן מענטשן.......יז

יז. אַ מענטש וואָס לויפט נאָך שלום, דערגרייכט זיין נאָמען פון איין עק וועלט צום אַנדערן.......יח

יח. כעס איז דער גרעסטער גורם צו מחלוקת.......יח

יט. עס זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן אַפילו אַ קליינע מחלוקת.......יט

כ. אַ התעוררות צו שלום, און מבטל צו זיין די שלעכטע מידה פון כעס.......כ

# פרק שבעה ושלשים

## די מעלה פון שלום, וואָס איז מרומז אין די אותיות.

**א. יתרחק המחלוקת,** עס זאָל דערווייטערט ווערן די קריגערייי און עס זאָל גענענען צו אונז דער שלום, ווייל שלום איז פון די מִדות וואָס זענען די שורש, די וואָרצל דורך וועלכן צו דערגרייכן שלימות פון אַלע מצוות.

**ב. כי,** ווייל שלום איז דער יסוד און דער עיקר פון אַלעמען, דורך דעם שלום האָבן אַלע באַשעפענישן אַ קיום, און שלום איז אַזוי גרויס, ביז דאָס וואָרט "**שלום**" איז פון פיר אותיות, אַזוי ווי דער שם הוי' ברוך הוא איז פיר אותיות, וואָס דער שם הוי' איז דער שורש פון אַלע שמות הקדושים, און אַזוי אויך פון שלום קומט אַרויס אַלע שלימות און אַלע זאַכן וואָס האָבן אַ קיום, און דעריבער איז "שלום" דער נאָמען פון דעם אויבערשטן.

**ולא,** און דער אויבערשטער האָט נישט געפונען קיין כלי צו האַלטן דאָס גוטס פאַר די אידן נאָר שלום, ווייל אין שלום זענען איינגעשטעלט אַלע גוטע זאַכן פון דער וועלט.

**ג. ראה,** זע די גרויסקייט פון שלום מיט די פיר אותיות, די שי"ן, און די למ"ד, און די וא"ו, און די מ"ם, די אַלע פיר אותיות ווייזן אויף גרויסע סודות, און איך וועל עפּעס אויסטייטשן דערפון.

**השי"ן,** די שי"ן האָט דריי קעפּלעך, וואָס קיין שום אות האָט דאָס נישט. דאָס ווייזט אויף גרויסע סודות.

**גם,** אויך די למ"ד, זי איז העכער פון אַלע אותיות, און דאָס איז אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פון אַ פענדל און אַ טאָרעם, מרמז צו זיין אַז דער שלום איז ווי אַ טאָרעם, און דער וואָס האַלט זיך אין שלום, הויבט ער אויף זיין פענדל און געוועלטיגט איבער זיינע תאוות.

**גם,** אויך דער אות וא״ו, זי איז איינס פון די אותיות פון דעם שם הוי׳ ברוך הוא, און זי ווערט אָנגערופן ״עץ החיים״, בוים פון לעבן, מרמז צו זיין, אַז דער וואָס האַלט זיך בשלום מיט אַנדערע מענטשן, שענקט מען אים לעבן און מען איז מוחל זיינע עבירות.

**גם,** אויך די ענדע מ״ם, וואָס איז מרמז אויף די מ״ם פון פסוק ״**לםרבה המשרה**״, צו זאָגן, אַז הערשאַפט און מעלה ווערט געגעבן צו דעם מענטש וואָס האָט ליב שלום.

## די מעלה פון שלום, וואָס איז מרומז אין עֵשָׂו׳ס נאָמען.

**ד. ראה,** זע די מעלה פון שלום, אַז אַפילו ביי עשו הרשע וואָס וועגן אים שטייט אין פסוק ״**ואת עשו שנאתי**״, עשו׳ן האָב איך פיינט. פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער אויך מרמז געווען שלום אין זיין נאָמען, ווייל די צאָל פון וואָרט ״עשו״ באַטרעפט אַזוי פיל ווי דאָס וואָרט ״שלום״. דאָס איז מרמז אַז אפילו דעם מענטש וועמען דער אויבערשטער האָט פיינט, ווייל ער פאָרט מיט אים טוהן שלום, און אַז ער האָט די מדה פון שלום האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים ליב.

## נאָך רמזים אין די אותיות פון שלום

**ה. ראה,** זע די מעלה פון שלום, ווייל אין די אותיות פון וואָרט ״שלום״ איז דאָ דאָס וואָרט ״שלו״, דאָס איז טייטש פאַרגעסן. דאָס ווייזט אַז דער שלום פאַרדעקט און מאַכט פאַרגעסן אויף אַלע עבירות וואָס דער מענטש טוט בשוגג.

**גם,** אויך זענען אין דעם וואָרט ״שלום״ דאָ די אותיות ״משל״, מרמז צו זיין ,אַז צוליב שלום זאָל דער מענטש טראַכטן, אַז אַלע זאַכן פון דער וועלט זענען נאָר אַ משל, און דורך דעם וועט ער נישט מקפיד זיין אויף קיין שום זאַך אין דער וועלט.

**גם,** אויך איז דאָס וואָרט ״שלום״ די זעלבע אותיות ווי דאָס וואָרט ״לשום״, וואָס דער טייטש דערפון איז טוהן, דאָס ווייזט אונז אַז עס איז נישט גענוג פאַר דעם מענטש צו האָבן שלום מיט יעדן איינעם, נאָר ער זאָל נאָך זען שלום צו מאַכן צווישן אַנדערע מענטשן וואָס קריגן זיך, און אויך צווישן מאַן און ווייב.

## אַ סאַך מאמרים און אויסטייטשן אויף ״גדול השלום״

**ו. ראה,** זע די מעלה פון שלום, ווייל דאָס מלכות בית דוד ווערט אָנגערופן ״שלום״. די תורה ווערט גערופן ״שלום״. די ברכת כהנים לאָזט זיך אויס מיט ״שלום״, צו ווייזן אַז די ברכות העלפן נישט, נאָר אויב שלום איז מיט זיי.

**ז.** ר׳ אלעזר הקפר האָט געזאָגט, יעדע שמונה עשרה לאָזט זיך אויס נאָר מיט שלום.

**ז. גדול,** דער שלום איז זייער גרויס, ווייל ער איז געגעבן געוואָרן צו די ענוים, מענטשן וואָס האַלטן זיך קליין.

**ח. גדול,** דער שלום איז זייער גרויס, ווייל ער וועגט איבער אַלעמען, ווי מיר זאָגן ״**עושה שלום ובורא את הכל**״, דער אויבערשטער האָט באַשאַפן שלום און האָט באַשאַפן אַלץ.

**ט.** רבי אליעזר דער זון פון רבי אלעזר הקפר זאָגט, אַז אַפילו ווען די אידן זינדיגן, אָבער צווישן זיי הערשט שלום, זאָגט דער אויבערשטער ברוך הוא צו דעם שטן, ער זאָל אין זיי נישט אָנרירן.

**י. גדול,** דער שלום איז זייער גרויס, ווייל אַפילו די טויטע דאַרפן דעם שלום.

**גדול,** דער שלום איז גרויס ווייל ער איז געגעבן געוואָרן צו די בעלי תשובה.

**יא.** ר׳ מאיר זאָגט, דער שלום איז גרויס, ווייל דער אויבערשטער

ברוך הוא האָט נישט באַשאַפן קיין בעסערע מדה פון שלום. בשעת דער צדיק ווערט נפטר, פעדערן אים דריי כתות פון מלאכים. איין כתה זאָגט, זאָל ער קומען מיט שלום וכו׳.

**יב.** דער שלום איז גרויס, ווייל שלום איז געגעבן געוואָרן אַלס שכר פאַר מקיים זיין די תורה און מצוות.

**יג.** דער שלום איז גרויס, ווייל ער איז געגעבן געוואָרן צו די וואָס האָבן ליב די תורה, און צו די וואָס לערנען תורה, און צו די וואָס טוען צדקה.

**יד.** דער שלום איז זייער גרויס, ווייל דער נאָמען פון דעם אויבערשטן ברוך הוא ווערט אָנגערופן שלום.

**טו.** דער שלום איז זייער גרויס, ווייל די מלאכים פון הימל דאַרפן האָבן דעם שלום.

**הקדוש ברוך הוא,** דער אויבערשטער, ווען ער גייט צו שלום גייט ער מיט אַסאַך מיליטער, און אויב ער גייט מלחמה האַלטן, גייט ער נאָר אַליין, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״**ה׳ איש מלחמה**״.

**חביב,** דער שלום איז באַליבט, ווייל פאַר אַלע מעשים טובים און זכיות, וואָס אברהם אבינו ע״ה האָט געטאָן, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים געגעבן דערויף שכר, נאָר דעם שלום, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט צו אים געזאָגט ״**ואתה תבוא אל אבותיך בשלום**״, דו וועסט קומען צו דיינע עלטערן מיט שלום.

**טז. וכן,** און אַזוי אויך יעקב אבינו האָט געבעטן פון אויבערשטן שלום, ווי עס שטייט אין פסוק ״**ושבתי בשלום אל בית אבי**״, און אַזוי אויך אהרן הכהן ווערט געריהמט דורכן אויבערשטן מיט שלום, ווי דער פסוק זאָגט ״**בריתי היתה אתו החיים והשלום**״.

**וכן**, און אַזוי געפינסטו אויך ביי פנחס, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים געגעבן זיין שכר, דעם שלום, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק "**הנני נותן לו את בריתי שלום**", [פאַר דעם וואָס ער האָט גע'הרג'עט זמרי און האָט איינגעשטילט דעם צאָרן פון דעם אויבערשטן אויף אידן].

**ולא**, און די תורה איז נישט געגליכן געוואָרן, נאָר מיט שלום, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט "**וכל נתיבותיה שלום**", און דער אויבערשטער וועט נישט טרייסטן ירושלים נאָר מיט שלום, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט "**וישב עמי בנוה שלום**".

**וכן**, און אַזוי אויך האָט דער אויבערשטער זיך נישט אָפגערעכנט מיט עמון און מואב נאָר דורך דעם וואָס ער האָט פאַרמיטן פון זיי שלום, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט "**לא תדרוש שלומם**". און אַזוי אויך די אידן ווערן יעדן טאָג געבענטשט מיט שלום, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט "**וישם לך שלום**".

**יז. ובמדרש**, און אין מדרש פרשת פנחס שטייט, דער שלום איז זייער גרויס, ווייל ווען אַ מענטש קומט פון וועג פרעגט מען אים שלום, און יעדן אינדערפרי פרעגט מען דעם מענטש בשלום, און אַזוי אויך אין אָוונט פרעגט מען אים צו אַלעס איז פרידן.

## נאָך מאמרי חז"ל וועגן די וויכטיגקייט פון שלום

**עוד**, נאָך זאָגן אונזערע חכמים, אויף יעדן אָרט וואו עס איז דאָ שלום, דאָרט איז דאָ יראת שמים.

**יח. גם**, אויך געפינען מיר, דוד האָט געזוכט צו האָבן שלום מיט שאול המלך, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק "**בקש שלום**", באַגער דעם שלום, "**ורדפהו**", און יאָג אים נאָך, דאָס מיינט מען, באַגער דעם שלום מיט דיינע ליבהאָבערס, און יאָג נאָך צו האָבן שלום מיט דיין פיינט. באַגער דעם שלום אויף דיין אָרט, און יאָג אים נאָך

אויף אַנדערע ערטער. באַגער אים מיט דיין גוף, און יאָג אים נאָך מיט דיין געלט. באַגער אים צו זיך אַליין, און יאָג אים נאָך צו אַנדערע. באַגער אים בייטאָג, און יאָג אים נאָך ביינאַכט. באַגער אים אין דיין רייכקייט, און יאָג אים נאָך אין דיין אָרעמקייט. באַגער אים אין דיין פריילעכקייט, און יאָג אים נאָך אין דיין טרויער. באַגער אים בשעת דו ביסט עוסק אין דער תורה אָדער אין אַן אַרבעט, און יאָג אים נאָך בשעת דו ביסט ליידיג. באַגער אים אין דיין יוגנט, און יאָג אים נאָך אויף דיין עלטער. באַגער אים בשעת דו ביסט געזונט, און יאָג אים נאָך אַפילו בשעת דו ביסט קראַנק. באַגער אים אין דער וואָכן, און יאָג אים נאָך אין שבת און אין יום טוב. באַגער אים יעדע שעה, און יאָג אים נאָך יעדע רגע. באַגער אים ביי די עשירים, און יאָג אים נאָך ביי די אָרימעלייט. באַגער אים ביי דיינע קרובים, און יאָג אים נאָך ביי פרעמדע.

**יט.** און וואָס מיינט מען נאָכצויאָגן שלום? אויף דעם האָבן אונזערע חכמים, זכרונם לברכה, געזאָגט, דאָס איז דער מענטש וואָס בשעת מחלוקת רעדט ער מיט שלום, און ער איז מבטל זיין כבוד צוליב שלום, אַזוי ווי משה רבינו עליו השלום האָט געטון, אַז בשעת דתן ואבירם און קרח האָבן געקריגט אויף אים, איז ער געגאַנגען צו זיי, און ער האָט געוואָלט שלום מאַכן מיט זיי.

**והמבטל,** און דער וואָס איז מבטל זיינע באַשעפטיגונגען, און מאַכט שלום צווישן מאַן און ווייב, און צווישן איין מענטש מיט דעם אַנדערן, און צווישן אַ רב מיט זיין תלמיד.

**כ. עוד,** נאָך האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, ווען אַ מענטש האָט נאָר צו קויפן קידוש אויף שבת, אָדער ליכט לכבוד שבת, זאָל ער בעסער קויפן ליכט, צוליב שלום בית.

**כא. גדול,** דער כח פון שלום איז זייער גרויס, ווייל אַפילו די מלאכים פון הימל דאַרפן אים האָבן, ווי עס שטייט אין

פסוק **"עושה שלום במרומיו"**, דער אויבערשטער מאַכט שלום צווישן זיינע מלאכים.

**גם**, נאָך האָבן זיי געזאָגט, דער הימל איז פון וואַסער, און די שטערן זענען פון פייער, און דער הימל פאַרלעשט זיי נישט. דער מלאך גבריאל איז פון פייער, און דער מלאך מיכאל איז פון וואַסער, און זיי שטייען איינער נעבן דעם אַנדערן, און זיי שאַטן נישט איינער פאַר דעם אַנדערן.

**דער מענטש וואָס האָט ליב שלום, איז אַ מעביר על מידותיו. ער האָט נישט קיין קנאה און כעס, און רעדט נישט לשון הרע.**

**כב. ראה**, זע די מעלה פון שלום, ווייל אין אים זענען דאָ אַלע גוטע מידות. דער מענטש וואָס האָט ליב פרידן איז נישט מקפיד אויף קיין שום מענטש, כאָטש ער האָט אים שלעכטס געטוהן, כדי ער זאָל נישט קומען צו מחלוקת. דעם דאָזיגן מענטש שענקט מען אַלע זינד, און ער איז געליבט ביי דעם אויבערשטן ברוך הוא, און דאָס אַלץ איז גורם דער שלום.

**כג. גם**, די קנאה איז זייער אַ שלעכטע מדה, ווייל אויב ער איז מקנא אין דער שיינקייט פון אַ מענטש, אָדער אין זיין גבורה, אָדער אין זיין עשירות, וויל ער דאָך נישט אין דעם וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אויף אים גוזר געווען. און דער וואָס איז מקנא, רויבט אַוועק פון זיך זיין לעבן, ווייל ער קלאָגט שטענדיג אויף דעם וואָס יענער האָט גוטס און ער נישט, און זיין שכל ווערט פאַרמינערט צוליב פיל קנאה, און זיין האַרץ איז נישט פריי צו לערנען, און מתפלל צו זיין מיט כוונה, און צו טוהן מעשים טובים.

**כד. ולכן**, און דעריבער פלעגן די חכמי ישראל מתפלל זיין די תפילה **"ואַל תהיה קנאתינו על שום אדם"**, אונזער קנאה זאָל נישט זיין אויף קיין שום מענטש, **"ולא קנאת אחרים עלינו"**,

און די קנאה פון אַנדערע מענטשן זאָל נישט זיין אויף אונז. און דער מענטש וואָס האָט ליב פרידן, איז דאָס מבטל פון אים די קנאה, תאווה און כבוד, ווייל ער האָט ליב שלום מיט זיין גאַנצן לייב, איז ער נישט מקנא, און ער גלוסט נישט אַזאַ זאַך וואָס איז נישט זיין, און יאָגט נישט נאָך קיין כבוד ווייל דאָס ברענגט מחלוקת.

**כה. לכן,** דער מענטש וואָס האָט ליב שלום, דערווייטערט זיך פון די דריי זאַכן, אַזוי ווי אַ מענטש אַנטלויפט פון אַ לייב און פון אַ שלאַנג, און אַזוי אויך דערווייטערט ער זיך פון אַלע שלעכטע מידות וואָס זענען גורם צו שטערן דעם שלום, און ער ווערט איינגעוואָרצלט אין אַלע גוטע מידות, ווייל די גוטע מידות ברענגען אים צו שלום מיט אַלע מענטשן, און בפרט לשון הרע און כעס, די דאָזיגע צוויי שלעכטע מדות זענען דער וואָרצל פון אַלע עבירות, און דער וואָס באַגערט שלום, איז גאָר ווייט פון די צוויי מדות, אַזוי ווי פון איין עק וועלט ביז צו דער אַנדערער עק וועלט, ווייל לשון הרע הרג'עט דעם מענטש, און דער וואָס בייזערט זיך מיט אַ כעס איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה, און ער איז גורם אַ שאַנד פאַר אַלע מענטשן. און אויב דער מענטש האָט ליב שלום, ווי אַזוי קען ער רעדן לשון הרע, און צערענען אויף אַ מענטש, וואָס דאָס איז דער היפוך פון שלום.

**כו. וסימן,** דער סימן איז פון דעם מענטש וואָס האָט ליב שלום, אַז ער רעדט וועגן די לויב פון אַלע מענטשן, און ער איז דן יעדן מענטש לכף זכות. ער איז אַ מעביר על מידותיו, און איז שטענדיג פריילעך. ער פרייט זיך מיט דעם וואָס דער אויבערשטער גיט אים, כדי זיך נישט צו קריגן מיט קיין שום מענטש וועגן פאַרמערן זיין פאַרמעגן.

**כז. וכיון,** און ווייל דער מענטש ווערט איינגעוואָרצלט אין דער מדה פון שלום צום מענטשן, ברענגט דאָס אים אַז ער זאָל נישט זינדיגן פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, ווייל ער וועט טראַכטן, אַז איך באַגער פרידן מיט מענטשן, ווי זאָל איך נישט באַגערן שלום

מיט דעם וואָס האָט מיך באַשאַפן, און ער וועט בעטן דעם אויבערשטן ברוך הוא ער זאָל אים מוחל זיין די זינד וואָס ער האָט געטוהן, און ווייטער וועט ער שוין נישט זינדיגן, בפרט אַז ער וועט פאַרשטיין מיט זיין שכל, אַז ווען ער האָט נישט קיין שלום מיטן אויבערשטן ברוך הוא, האָט ער אויך נישט קיין פרידן מיט זיין נשמה, און אַז דו וועסט עס גוט אַדורכקלערן וועסטו געפינען אַלע גוטע מידות אין שלום.

## שלום ברענגט לעבן און מחלוקת ברענגט טויט ח״ו – אַ סאַך ראיות דערויף.

**כח. ראה,** זע די מעלה פון שלום, ווייל אַלע מלאכות וואָס ווערן געטוהן אונטער דעם הימל, זענען אַלץ דורך דעם וואָס אַ מענטש באַהעפט ביידע הענט איינע צו די אַנדערע, אָבער אויב די הענט זאָלן נישט האָבן קיין שלום צווישן זיך, וואָלט די וועלט נישט געהאַט קיין קיום, און עס וואָלט נישט געטוהן געוואָרן קיין שום מלאכה, ממילא איז דער קיום פון אַלע זאַכן דורך די מידה פון שלום.

**ובין,** און פאַרשטיי, אַז די פיס זענען פאַרקערט, דער מענטש קען נישט גיין, נאָר אויב ער טוט צעשיידן זיינע פיס. דעריבער שטייט אין פסוק ״**רגליה יורדות מות**״, אירע פיס נידערן צום טויט, דאָס איז מרמז, אַז צעשיידונג און מחלוקת איז דער טויט און שלום איז לעבן.

**כט. ראה,** זע נאָך אַ גרעסערע זאַך, דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פון פיר יסודות: פייער און וואַסער, ווינט און ערד, און אַז זיי זענען בשלום, לעבט דער מענטש, אָבער אויב איין יסוד וויל זיך שטאַרקן איבער דעם אַנדערן, קומט קראַנקהייט ח״ו צום מענטשן. אויב דער יסוד פון פייער שטאַרקט זיך, ווערט געשטאַרקט די היץ, דאָס פיבער וואָס פאַרלענדט דעם גוף, און אַז דער יסוד פון ערד שטאַרקט זיך, ווערט דער מענטש פאַרשטאָפּט. און אַזוי אויך יעדער יסוד וואָס שטאַרקט זיך אין דעם מענטשן ברענגט עס שלעכטס, און אַז

זיי צעשיידן זיך איינס פון דעם אַנדערן, שטאַרבט דער מענטש תיכף. זעט מען אַז דאָס צעשיידונג איז טויט, און שלום איז לעבן.

**ל. ראה,** זע, ווען די אידן זענען געווען בשלום מיט זייער באַשעפער זענען זיי געזעסן אין ארץ ישראל בשלוה, און האָבן נישט געהאַט קיין שלעכטס, און ווען עס איז אַריינגעקומען אַ מחלוקת צווישן זיי און זייער באַשעפער, און זיי האָבן געזינדיגט קעגן אים, זענען זיי פאַרטריבן געוואָרן. איז געדרונגען דערפון אַז שלום איז לעבן און מחלוקת איז טויט.

**לא. ראה,** זע קרח מיט זיין עדה, ווען זיי זענען געווען בשלום מיט משה רבינו האָבן זיי געלעבט, און דערנאָך, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו קריגן מיט משה, זענען זיי איינגעזונקען געוואָרן.

**דעם גרויסן חסרון פון מחלוקת קען מען זען פון דעם וואָס דער מָן האָט נישט אַראָפּגענידערט ביי די מחלוקת פון קרח**

**לב. ותדע,** און דו זאָלסט וויסן, ווי שלעכט די מחלוקת איז אין די אויגן פון אויבערשטן ברוך הוא, ווייל בשעת זיי האָבן געמאַכט דעם עגל, פונדעסטוועגן האָט דער מָן גענידערט יענעם טאָג פון הימל, און אין טאָג ווען קרח האָט געקריגט אויף משה, האָט קיין מָן נישט גענידערט. זע ווי געליבט איז דער שלום פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, און ווי פאַרפיינטעט איז די מחלוקת.

**אַסאַך ראשי תיבות פון דעם וואָרט "שלום"**

**לג. גם,** אויך די ראשי תיבות פון דעם וואָרט "**שלום**" זענען "ש'לם ל'מקום ו'מנוקה מ'מום", דאָס איז טייטש, ער איז גאַנץ צום אויבערשטנ'ס דינסט און איז ריין פון אַ פעלער, ווייל דער וואָס האָט ליב שלום איז ער מקיים די גאַנצע תורה, ווייל ער האָט ליב זיין חבר אַזוי ווי זיך אַליין, און אין דעם ווענדעט זיך די גאַנצע תורה, און ער איז אויך ריין פון אַ פעלער, ווייל אפילו אויב ער איז אַ בעל מום, איז

ער אָבער אַזוי געליבט ביי אַלע מענטשן, אַז קיינער דערמאַנט נישט זיין פעלער.

**לד. גם,** אויך זענען די ראשי תיבות פון וואָרט "שלום" "ש'ונא ל'חולקים ו'מנוקה מ'חטא", ער האָט פיינט די וואָס קריגן זיך, און איז ריין פון זינד.

**לה. גם,** אויך די ראשי תיבות פון "שלום" זענען "ש'לוה ל'חיים ו'מנוחה ל'מתים", די לעבעדיגע זיצן בשלוה דורך דעם שלום, און מיט דעם שלום גיט מען רו אויך צו די טויטע, ווייל די כיתות פון מלאכים גייען אים אַקעגן, און זאָגן: זאָל ער קומען מיט פרידן.

**לו. גם,** אויך זענען זיי די ראשי תיבות פון די ווערטער "ש'ומר ל'חיים ו'מחיה מ'תים", דער שלום היט צו די לעבעדיגע פון אַלערליי שאָדנס, און בשעת תחיית המתים וועט דער אויבערשטער ברוך הוא מאַכן שלום צווישן די פיר יסודות פון דעם מענטשן, און וועט זיי מאַכן לעבעדיג.

**לז. גם,** אויך די ראשי תיבות פון "שלום" זענען "ש'לם ל'שמים ו'חביב מ'הבריות", דער וואָס האָט ליב שלום איז באַליבט ביי דעם אויבערשטן און ביי מענטשן.

## די מעלה פון שלום, אַז לעתיד לבוא וועלן די בעלי חיים וואָס שעדיגן מאַכן שלום צווישן זיך און וועלן נישט אָנטוהן אַ שאָדן איינער פאַרן אַנדערן.

**לח. בוא,** קום און זע די גרויסע מעלה פון שלום, ווייל אין דער גאולה וואָס מיר האָפן דערויף, וועלן אַלע לעבעדיגע באַשעפענישן באַקומען די מעלה פון שלום, אַז דער שלום וועט געמערט ווערן צווישן די חיות און בהמות, אַזוי ווי עס שטייט אין ישעיה, לעתיד לבוא וועט זיין גרויס פרידן, אַז אַ וואָלף וועט וואוינען

צוזאַמען מיט אַ שאָף, און אַ לעמפּערט וועט זיצן מיט אַ ציגעלע, און אַ קאַלב און אַ לייב און אַן אָקס וועלן זיין צוזאַמען, און אַ קליין קינד וועט זיי אַלע פירן, און אַ קו און אַ בער וועלן זיך צוזאַמען פּאַשען, און אַ לייב וועט עסן שטרוי אַזוי ווי אַן אָקס, און אַ קינד וועט זיך שפּילן מיט אַ שלאַנג. זיי וועלן נישט טוהן קיין שלעכטס, און זיי וועלן נישט פאַרדאַרבן קיינעם, **"כי מלאה הארץ דעה את ה'"**, די וועלט וועט זיין פול מיט וויסנשאַפט פונעם אויבערשטן.

**לט. אַך,** לעתיד לבוא וועט פאַרמערט ווערן דער שכל ביי אַלע באַשעפעניש, וועלן זיי אַליין פאַרשטיין אַז מען דאַרף נישט שעדיגן קיין שום באַשעפעניש, דעריבער זאָגט דער פסוק **"לא ירעו ולא ישחיתו"**, לעתיד לבוא וועלן זיי קיינעם נישט טוהן קיין בייז, און זיי וועלן קיינעם נישט פאַרדאַרבן, **"כי מלאה הארץ דעה את ה'"**, ווייל די גאַנצע וועלט וועט דערפילט ווערן מיט שכל און וויסנשאַפט פונעם אויבערשטן, וועלן זיי שוין אַליין פאַרשטיין אַז מען דאַרף קיינעם נישט שעדיגן.

**דער גרויסער זאָל זאָרגן פאַרן פרידן פונעם קלייִנעם, און זאָל זיך אָפּלערנען פונעם אויבערשטן כביכול, וואָס מאַכט רוען זיין שכינה אויף די אונטערשטע וועלט.**

**מ. הלא,** דו זעהסט דאָך, די נשמה וואָס איז גענומען פון אונטערן כסא הכבוד, ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, אַזוי ווי דער אויבערשטער ברוך הוא זעט אַלץ, און קיינער זעט אים נישט, אַזוי אויך די נשמה זעט און קיינער זעט זי נישט. פּונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער ברוך הוא איז פול איבער דער גאַנצער וועלט, אַזוי אויך די נשמה איז פול איבער דעם גאַנצן גוף, און פונדעסטוועגן רוהט זי פאָרט אין דעם נידעריגן גוף, און זי גלוסט צו זיצן מיט אים, צוליב די גזירה פונעם באַשעפער, וואָס ער הייסט אַז זי זאָל רוען אין דעם גוף צוליב שלום. מכל שכן אַז אַ מענטש דאַרף

נאָכיאָגן נאָך שלום, צו באַהעפטן זיך אַפילו מיט אַזעלכן וואָס איז נישט אַזוי חשוב ווי ער איז, צוליב שלום.

**מא. גדולה מזו,** גרעסער פון דעם קענסטו זען, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא מאַכט רוען זיין שכינה צווישן די מענטשן, און דערפון דאַרף דער מענטש לערנען זיך נידעריג צו מאַכן צוליב שלום. דער כלל איז, עס איז נישט פאַראַן קיין זאַך, וואָס עס זאָל צוריקהאַלטן דעם שלום.

**אין דער צייט פון דער מלחמה קעגן סיחון, האָט משה רבינו עליו השלום אָנגעהויבן מיט רייד פון פרידן צו אים, און דער אויבערשטער האָט מסכים געווען צו דעם.**

**מב. ובמדרש,** און אין מדרש סוף פרשת שופטים שטייט, דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה אַז ער זאָל מלחמה האַלטן מיט סיחון, און ער האָט נישט אַזוי געטוהן, נאָר ער האָט פריער געשיקט צו אים ער זאָל שלום מאַכן מיט אים, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים געזאָגט, איך האָב דיר געהייסן מלחמה האַלטן מיט אים, און דו האָסט אָנגעהויבן מיט שלום, איך שווער, אַז איך וועל מקיים זיין דיין גזירה, ביי אַלע מלחמות וואָס די אידן וועלן דאַרפן האָבן, זאָלן זיי פריער אָנהייבן מיט שלום, און דאָס האָט יהושע בִּן נון מקיים געווען, אַז ער האָט געוואָלט אַריינגיין קיין ארץ ישראל, האָט ער געשיקט צו די כנענים וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, דריי גזירות:

**מג. מי,** דער וואָס וויל אַוועקגיין פון ארץ ישראל זאָל אַוועקגיין.
דער וואָס וויל שלום מאַכן מיט די אידן, זאָל מאַכן שלום.
דער וואָס וויל מלחמה האַלטן, זאָל מלחמה האַלטן.

## דער אויבערשטער באַשעפטיגט זיך מיט דעם פרידן פון די אידן

**מד. עוד**, נאָך שטייט דאָרט אין מדרש, דוד המלך האָט געזאָגט, איך האָב געוואָלט הערן וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא רעדט וועגן די אידן, האָב איך געהערט אַז ער איז עוסק אין שלום, ווייל אַזוי שטייט אין פסוק "**אשמעה מה ידבר הא-ל**", איך וויל הערן וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא רעדט, "**כי ידבר שלום אל עמו ואל חסידיו**", האָב איך געהערט אַז ער רעדט שלום צו זיין פאָלק, און צו זיינע חסידים.

## נאָך מאמרים אויף "גדול השלום"

**מה. עוד**, נאָך האָבן די חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, דער שלום איז גרעסער פון ברכות און פון שמירה, ווייל אין ברכת כהנים שטייט פריער "**יברכך ה' וישמרך**", ער וועט דיך בענטשן און וועט דיך היטן, דערנאָך שטייט "**וישם לך שלום**", ער וועט צו דיר טוהן שלום.

**מו. עוד**, נאָך האָבן זיי געזאָגט, דער שלום איז זייער גרויס, ווייל אַפילו אויב דער מענטש האָט געטוהן אַ סאַך מצוות, און ער האָט נישט קיין שלום מיט מענטשן, איז גלייך ווי ער האָט גאָרנישט געטוהן.

**מז. עוד**, אויך זע דעם כח פון שלום, ווייל ווען דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געצאָלט די פעלקער פון עמון און מואב, האָט ער פון זיי אַוועקגענומען דעם שלום, ווי עס שטייט אין פסוק "**לא תדרוש שלומם וטובתם**", דו זאָלסט נישט פאָרשן און זוכן זייער פרידן און זייער גוטסקייט. און מיר זענען מחוייב צו פאָרשן און זוכן דעם פרידן פון ירושלים, און אונזער בית המקדש, ווי דער פסוק זאָגט "**שאלו שלום ירושלים**". און ווען דער מלך המשיח וועט קומען, וועט ער קומען מיט שלום.

**מח.** ארץ ישראל וועט דערהויבן ווערן מיט שלום, און דורך דעם זכות פון שלום וועט דער אויבערשטער ברוך הוא אָנגרייטן די שטול פון דוד המלך.

## די מידה פון אהרן – וואָס ער האָט נאָכגעיאָגט שלום צו ברענגען פרידן צווישן מענטשן

**מט. עוד,** און אויך האָבן די חכמים זכרונם לברכה געזאָגט אויף דעם ענין פון שלום, אַז ביי אהרן שטייט "**ויבכו את אהרן שלשים יום כל בית ישראל**", און גאַנץ כלל ישראל האָט באַוויינט אהרנ׳ען דרייסיג טעג, אפילו ווייבער און קליינע קינדער האָבן געוויינט אויף אהרן׳ס פטירה.

**נ. תָּנא,** מיר האָבן געלערנט אַ ברייתא, אַכציג טויזנט יונגע קינדער וואָס זענען געווען אָנגערופן מיט דעם נאָמען אהרן, זענען אַרויסגעגאַנגען נאָך זיין מטה אים מלוה צו זיין. דער טעם פאַרוואָס זיי זענען גערופן געוואָרן מיטן נאָמען פון אהרן איז, ווייל אהרן פלעגט מאַכן שלום צווישן מאַן און ווייב, און יעדער וואָס האָט געוואָלט געבן אַ גט צו זיין ווייב, האָט אהרן אַזוי לאַנג געמאַכט שלום ביז ער האָט זי נישט געג׳גט. דערנאָך, אויב זי איז מעוברת געוואָרן און האָט געבוירן אַ זון, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אהרן.

## נאָך מאמרי חז״ל וועגן די מעלות פון שלום צווישן מענטשן

**נא. עוד,** נאָך האָבן די חכמים געזאָגט, דער וואָס איז געוואוינט צו געבן שלום צו זיין חבר, און איין טאָג האָט ער אים נישט געגעבן שלום, איז ער עובר אויף דעם פסוק "**בקש שלום ורדפהו**", דו זאָלסט זוכן פרידן. און אויב ער האָט אים געגעבן שלום און יענער האָט אים נישט אָפּגעענטפערט מיט שלום, ווערט יענער אָנגערופן גזלן.

**נב. הוה מרגלא,** אביי פלעגט דאָס שטענדיג זאָגן, אייביג זאָל דער

מענטש זיין קלוג אין דעם אויבערשטן׳ס פּאָרכט, ער זאָל ענטפערן זיין חבר מיט ווייכע רייד, און זאָל אָפּהאַלטן דעם צאָרן, און זאָל מערן שלום מיט זיינע ברידער, און זיינע קרובים, און אַפילו מיט יעדן מענטש אויפן מאַרק.

**אמרו,** די חכמים האָבן דערציילט וועגן רבי יוחנן בן זכאי, אַז קיין שום מענטש האָט אים נישט פריער געגעבן שלום, אַפילו אַ פראָסטן מענטשן אויפן מאַרק האָט רבי יוחנן בן זכאי פריער געגעבן שלום.

## אַ מענטש וואָס לויפט נאָך שלום, דערגרייכט זיין נאָמען פון איין עק וועלט צום אַנדערן.

**נג. ונראה,** מיר געפעלט צו זאָגן אַ רמז דערויף, אַז דער מענטש וואָס יאָגט נאָך שלום קויפט זיך אַ קרוין פון אַ גוטן נאָמען, ווייל די אותיות פון ״שלום״ זענען די זעלבע אותיות ווי ״שם לו״. דאָס קומט מרמז צו זיין, אַז דער וואָס האָט ליב שלום באַקומט ער אַ גוטן שם, אַז זיין נאָמען גייט פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער.

## כעס איז דער גרעסטער גורם צו מחלוקת

**נד. וכתב,** דער בעל ״**מנורת המאור**״ שרייבט, יעדער מענטש וואָס וויל נאָכיאָגן שלום, מוז זיך דערווייטערן פון אַלע זאַכן וואָס קענען ברענגען קריגעריי, און די ערנסטע זאַך איז דער כעס, דער מענטש וואָס דער כעס געוועלטיגט איבער אים וועט נישט האָבן קיין שלום פון הימל, און נישט מיט מענטשן, ווייל צוליב זיין פיל כעס, וועט ער זינדיגן צום אויבערשטן, און ער וועט זיך אויך קריגן מיט מענטשן.

**נה. וכן,** און אַזוי האָבן אונזערע חכמים אָנגעוואָרנט וועגן כעס, אַז דער וואָס בייזערט זיך מיט כעס, געוועלטיגן אויף אים

אַלערליי גיהנום. אויך פאַרגעסט ער זיין לערנען און פאַרמערט נאַרישקייט.

**רב** נחמן בר יצחק זאָגט, דער וואָס איז אין כעס זענען זיינע עבירות מער פון זיינע מצוות. נאָך האָבן זיי געזאָגט, דער וואָס צערייסט אַ זאַך דורך כעס, איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה. נאָך האָבן זיי געזאָגט, בייזער זיך נישט, וועסטו נישט זינדיגן.

**נו. הכלל,** דער כלל איז, די בעסטע מדה איז צו יעדן קלוגן מענטש, אַז ער זאָל זיך נישט בייזערן, ער זאָל ליידן זיין שאַנד און ער זאָל מוחל זיין צו דעם וואָס זידלט אים, און דורך דעם וועלן זיינע זינד פאַרגעבן ווערן.

## עס זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן אַפילו אַ קליינע מחלוקת

**ואל,** און עס זאָל ביי דיר נישט זיין גרינג אַפילו אַ קליינע מחלוקת, ווייל דער שטן העלפט גרויס צו מאַכן די מחלוקת, אַז עס זאָל ברענען ווי פייער, אַזוי ווי רב הונא האָט געזאָגט, די קריגעריי איז גלייך צו אַ גרויס וואַסער וואָס גייט אַריין אין אַ פעלד דורך אַ קליין לעכל, און אַז דער מענטש פאַרשטאָפּט עס נישט, ווערט עס אַלעמאָל ברייטער ביז עס פאַרפלייצט דאָס פעלד.

**ובמס',** און אין מסכת גיטין שטייט, עס איז געווען אַ פּאָרפאָלק, וואָס דער שטן פלעגט זיך רייצן מיט זיי. יעדן פרייטאָג צו נאַכט פלעגט זיין אַ קריגעריי צווישן זיי. אַמאָל איז דער תנא רבי מאיר אַהין געקומען, און האָט זיי איינגעהאַלטן דריי פרייטאָג צו נאַכט, און זיי נישט געלאָזט זיך קריגן, ביז ער האָט שלום געמאַכט צווישן זיי. האָט ער געהערט ווי דער שטן זאָגט, ווייַ, רבי מאיר האָט מיך אַרויסגעצויגן פון דעם הויז.

**נז. ראה,** זע מיט דיינע אויגן אַז די מחלוקת ווערט אַזוי גרויס ביז

דער שטן מאַכט זיך אַ חזקה דאָרט, ביז ער ברענגט אים דערצו אַז ער זאָל הרג'ענען מענטשן ח"ו. דעריבער דאַרף דער מענטש נישט גרינג צו האַלטן אַפילו אויף אַ קליינע קריגעריי, ער מוז עס תיכף מבטל זיין און שלום מאַכן.

## אַ התעוררות צו שלום, און מבטל צו זיין די שלעכטע מידה פון כעס.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש נישט האָבן שלום מיט יעדן מענטש, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו האָבן שלום אין קבר מיט די שטיינער פון דער ערד.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך נישט באַהעפטן מיט זיין חבר מיט ליבשאַפט, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו באַהעפטן זיין פנים מיט דער ערד.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש נישט האַלדזן זיין חבר צו ווייזן אַ ליבשאַפט פון שלום, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו האַלדזן די ערד.

**נח. ולמה,** און פאַרוואָס זאָל ער נישט ליב האָבן גרויס און קליין, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו גיין אויף אַזאַ אָרט, וואָס דאָרט זענען גלייך גרויס און קליין.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל ער שלאָגן זיין חבר מיט כעס, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו באַקומען שלעק פונעם מלאך המות.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל ער פיינט האָבן זיין חבר, און אים פאַרשעמען, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו באַקומען בזיונות אויף זיינע זינד.

**למה,** פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט דערבאַרעמען איבער אָרעמעלייט, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו בעטן פונעם אויבערשטן אַז ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן.

**למה,** פאַרוואָס זאָל ער קריצן מיט זיינע ציין אויף אַנדערע מענטשן, דער וואָס איז אָנגעגרייט אַז זיינע ציין זאָלן קריצן צוליב צער פון טויט.

**למה,** פאַרוואָס זאָל ער ווינקען מיט די אויגן מיט צאָרן אויף זיין חבר, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו זען דעם מלאך המות וואָס איז פיל מיט אויגן.

**נט. ולמה,** און פאַרוואָס זאָל ער לעסטערן זיין חבר מיט כעס, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו הערן זיין לעסטערונג אויף זיינע זינד, פון די וואָס וועלן אים משפט׳ן.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל ווייס ווערן זיין פנים צוליב כעס, דער וואָס וועט גרין ווערן פון די טראָפן וואָס דער מלאך המות וועט אין אים אַריינוואַרפן.

**למה,** פאַרוואָס זאָל ער נישט טרויערן אויף דער צרה פון זיין חבר, דער וואָס זיין נפש וועט אויף אים טרויערן.

**למה,** פאַרוואָס זאָל ער נישט באַקליידן קיין נאַקעטן מענטש, דער וואָס ווערים וועלן אים באַדעקן.

**למה,** פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט באַהעפטן מיט זיין חבר אין צייט ווען עס קומט אויף אים אַ צרה, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו זיין אַליין אין קבר.

**למה,** פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט דערבאַרעמען איבער אָרעמעלייט זיי צו דערוואַרעמען אין די ווינטער טעג, דער וואָס איז אָנגעגרייט צו ליידן די היץ און קעלט פון גיהנום. און פאַרוואָס זאָל ער נישט געבן עסן צו אָרעמעלייט, דער וואָס איז אָנגעגרייט צום טויט.

**למה,** פאַרוואָס זאָל ער שעלטן, דער וואָס וועט זיין פאַרשאָלטן ביי זיין טויט מיט דער קללה, **״אין שלום אמר ה׳ לרשעים״,**

דער אויבערשטער האָט געזאָגט: צו די רשעים וועט נישט זיין קיין שלום.

**ס. לכן,** דעריבער זאָל דער מענטש אַנטלויפן פון כעס, וואָס ער איז דער שורש פון מחלוקת, און ער זאָל זיך באַהעפטן אין שלום, ווייל דער נאָמען פונעם אויבערשטן ווערט גערופן שלום, און די שטול פון דוד וועט אָנגעגרייט ווערן דורך דעם זכות פון שלום, און ירושלים וועט אָנגעזאָגט ווערן מיט אַ בשורה פון שלום, און דורך דעם וועט ער זיין גאַנץ פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, גאַנץ מיט זיין גוף, גאַנץ מיט זיין נשמה, און דורך דעם וועט זיין נשמה זיין פאַרבונדן אין דעם היכל צרור החיים, ווייל די אותיות פון "שלם", וואָס איז טייטש גאַנץ, איז דאָ אין די אותיות פון "שלום", נאָר איין וא"ו בלייבט איבער, וואָס די וא"ו איז "עץ החיים". דאָס קומט מרמז צו זיין אַז דורך "שלום" וועט ער זיין "שלם", גאַנץ, און ער וועט זיין באַהעפט אין דעם "עץ החיים", וואָס דאָס איז די וא"ו. דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל בענטשן זיין פאָלק מיט שלום, אמן.

❁ ❁ ❁